א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# החודש הזה לכם

## התחדשות בניסן

*ליל שישי פרשת החודש תשפ"ד*

### אז מען היט זיך דאס מויל ווערט דער הייליגער באשעפער געלויבט

מען זאגט נאך פון הרה"ק רבי **אורי סטרעליסקער** זצ"ל, אז מען זאגט ביי ברוך שאמר 'המהולל בפה עמו', וואס טייטשט די ווערטער 'המהולל בפה עמו'? אז דער הייליגער באשעפער ווערט געלויבט דורך 'פה עמו', דורך אונז. האט ער געטייטשט: אז אידישע קינדער היטן זיך דאס מויל, אז מען רעדט נישט קיין דברים בטלים, לשון הרע, רכילות. נאר וואס דען, מען איז עוסק בדברי תורה, דורך דעם ווערט דער הייליגער באשעפער מהולל.

### דער באשעפער ווערט געלויבט דורך סיפור יציאת מצרים

דער **ישמח ישראל** זאגט אויף די הגדה, וואו מען זאגט, כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח. טייטשט

**אז אידישע קינדער זענען עוסק בדברי תורה, דורך דעם ווערט דער הייליגער באשעפער מהולל**

ער: 'זה' איז הקב"ה, אזויווי עס שטייט: זה קלי ואנוהו. מיט דעם זאגט ער: 'כל המרבה לספר ביציאת מצרים', דורך דעם וואס אונז זענען מרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה, ווערט הקב"ה, משובח. נישט אויפן מענטש, דער אייבערשטער ווערט דורך דעם משובח.

## ניסן איז א יום פקידה צו ביאת המשיח

שטייט דאך אין גמרא (ראש השנה) 'בניסן נגאלו בניסן עתידים ליגאל'. משיח בן דוד, פשטות, דארף צו קומען אין ניסן. אוודאי, עס איז דא בעתה, אונז זעמיר שוין גרייט אויף פורים אויך, אונז זעמיר גרייט אויף ערב ראש חודש אויך... אבער עס האט א יום פקידה, עס איז נישט פשט, עתידים ליגאל מיינט, עס איז מוכרח. האב איך געזען אין די ספרים, איינער שרייבט, איך גדענק נישט פון ווען, 'החודש הזה לכם' באטרעפט 'משיח בן דוד'...

די חודש איז א זמן פון גאולה, עס איז א זמן פון נתעורר צו ווערן אויף די גאולה, דארף מען דאך טון פעולות דערצו אויך. די גאולה קומט דאך נישט פאר פריי, די גאולה קומט דאך מיט אן עבודה. צו זאגן שיינע תורות אויף די גאולה איז נישט מקרב די גאולה, נאר אויב עס ברענגט עפעס, עס ליגט א פעולה דערין. מיר וועלן פראבירן אביסל צו זען צו טון פעולות, אז חוץ די גמטריאות, וועט מען זען די גאולה, בעזר ה'.

**דער הייליגער באשעפער זאגט: דאווען, בעט שיין, וועסטו באקומען**

## וויאזוי בעט מען אויף פרנסה עס איז דאך שוין נקצב פון ראש השנה?

די וואך איז שבת מברכים, שבת החודש. מען בעט אויף פרנסה טובה וכלכלה לחיים טובים ולשלום ביי ברכת החודש, אויך ביי תפילת מוסף פון ראש חודש. וואס האט די תפילות צוטון מיט ראש חודש? די גמרא ברענגט דאך אין ביצה (טז) 'כל מזונותיו של אדם קצובות לו מראש השנה', ווי בעט מען יעצט, יעדן ערב ראש חודש, און יעדע ראש חודש הייבט מען אן נאכמאל. אויף דעם דאווענט מען ראש השנה, עס איז שוין נקצב געווארן?

אין ספר 'עשרה למאה' פונעם וואוידעלאווער, דער טאטע פונעם הייליגן רבי ר' בונם זצ"ל שרייבט, אז בעצם, דארף מען פרעגן, אז יעדן טאג וואס מען דאווענט אויף פרנסה, וואס איז די גאנצע 'ברך עלינו'?

זאגט ער א הפלא'דיגע זאך. די גמרא ברענגט (חולין ס:), רבי אמי האט געפרעגט א סתירה, עס שטייט אין פסוק 'ותוצא הארץ דשא' דאס איז געווען דינסטאג, נאכדעם שטייט 'וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ, ואד יעלה מן הארץ, והשקה את כל פני האדמה', ווען איז דאס געווען? ערב שבת. איז דאך א סתירה, ווען איז עס געווען, דינסטאג אדער ערב שבת? אויף דעם ענטפערט די גמרא, אז די דשאים זענען ארויסגעקומען דינסטאג, זיי זענען געבליבן שטיין, זיי האבן נישט געשפראצט ווייטער, זיי זענען געווען בפתח הארץ, ביז אדם הראשון האט געדאווענט, וירדו גשמים. פארוואס? ווייל

הקב"ה מתאווה לתפלתן של צדיקים, דער אייבערשטער וויל אונז זאל מיר דאווענען פאר אים.

מיט דעם טייטשט ער, אז פרנסה איז אויך אזוי. 'כל מזונותיו של אדם' בעצם 'קצובות לו מראש השנה' אויף א גאנץ יאר, אבער דער הייליגער באשעפער האלט עס צוריק, ווייל ער וויל תפילות פון די אידן. עס שטייט שוין העכער דיר, אזויווי די מאמע זאגט פארן קינד, בעט שיין וועסטו באקומען... עס ליגט שוין אין טעלער, אבער קודם בעט שיין... דער הייליגער באשעפער זאגט: דאווען, בעט שיין, וועסטו באקומען.

## ראש חודש איז א זמן פון פתיחת שערים אויף פרנסה

לייגט מען צי צו דעם: ראש חודש שטייט אין פרקי דרבי אליעזר, אז איינמאל א חודש, פעם אחד בכל חודש וחודש, דאס מיינט ראש חודש, עולות מן התהומות ומשקה את כל פני האדמה, און ער ברענגט די פסוק פון ואד יעלה מן הארץ. קומט אויס אזוי, האט די גמרא פריער געזאגט, אז ואד יעלה מן הארץ, פארוואס, ווייל אדם הראשון האט געדאווענט, איז די פרקי דרבי אליעזר זאגט, אז איינמאל א חודש איז דא די ואד יעלה מן הארץ, וויאזוי? דורך תפילה. ממילא, ערב ראש חודש, ביי מברכים, בעט מען אויף פרנסה וכלכלה, און די זעלבע זאך אין ראש חודש, ווייל דאס איז די ואד יעלה מן הארץ. עס איז טאקע קצובין לו מראש השנה, אבער עס פעלט די תפילות, און ערב ראש חודש ווען עס איז די זמן פון ואד יעלה מן הארץ, ממילא ווען עס איז געווען ביי בריאת העולם איז געווען דורך תפילה,

**עס איז טאקע א געוואלדיגע חודש, החודש אשר ישועות בו מקיפות, אבער מען דארף מתפלל זיין אויף דעם, דער אייבערשטער וויל אונזערע תפילות**

האלט מען עס אן ווייטער, אז דורך תפילה איז יעדע ראש חודש ואד יעלה מן הארץ. קומט אויס אז ראש חודש איז א זמן פון פתיחת שערים, עס איז א זמן מסוגל, שבת איז דאך אויך אזוי, אזויווי עס שטייט אין פסוק אין יחזקאל, ביום השבת יפתח ביום החודש יפתח, קומט אויס אז א שבת ערב ראש חודש, האט אויךביידע סגולות.

על כל פנים, זע מיר פון דעם, אז עס איז טאקע א געוואלדיגע חודש, החודש אשר ישועות בו מקיפות, אבער מען דארף מתפלל זיין אויף דעם, דער אייבערשטער וויל אונזערע תפילות, עס שטייט גרייט אלע ישועות, משיח בן דוד

שטייט גרייט, אבער מען דארף אונזערע תפילות.

## היינטיגע צייטן דארף מען האבן פרנסה בהרחבה

רבי אהרן בעלזער זצ"ל פלעגט נאכזאגן בשם זיין טאטען רבי ישכר דוב זצ"ל, האט ער געזאגט די ווערטער: אין די דורות הראשונים איז די נסיון העושר געווען א גרויסע נסיון, סאך מער ווי די נסיון העוני, אבער היינטיגע צייטן איז די נסיון העניות סאך א גרעסערע נסיון פון נסיון העושר, ממילא בזמן עקבתא דמשיחא, עמך ישראל צריכים פרנסה בהרחבה, כדי מען זאל קענען מקיים זיין תורה ומצוות.

ערב פסח איז שואלין ודורשין בהלכות הפסח, מען גרייט זיך אויפן יום טוב, זאגט מען פארן אייבערשטן, אונז לערן מיר די הלכות, די ענינים, אבער מען דארף צולייגן א תפילה, אז דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, עס זאל זיין אן הרחבה, אן הרוחה, אידישע קינדער זאלן טאקע קענען מאכן א פסח.

## די גרויסע כח וואס מיר האבן אין חודש ניסן

א הפלא'דיגע זאך שרייבט דער הייליגער רבי רבי הירש פון רימנוב זצ"ל אין בארות המים, הפלא ופלא. החודש הזה לכם ראש חדשים. עס איז א דאפלטע לשון, החודש הזה לכם ראש חדשים, 'ראש' מיינט די 'ראש', 'ראשון הוא לכם לחדשי השנה', וואס איז די ראש חדשים, און וואס איז 'ראשון הוא לכם לחדשי השנה'?

נאך א זאך, וואס הייסט 'לכם', וואס האבן מיר מיט דעם, בפרט עס שטייט צוויי מאל לכם, החודש הזה לכם, ראשון הוא לכם?

פארוואס טאקע ליינט מען פרשת החודש? מען טוט מודיע זיין עס קומט פסח, מען לייענט די פרשה פון קרבן פסח. פארוואס לייענט מען נישט פאר סוכות די פרשה פון סוכות? פארוואס לייענט מען נישט פאר ראש השנה פון ראש השנה? עס וועט זיין פרשת השנה, און פאר סוכות וועט זיין פרשת הסוכות, פרשת הכיפור צווישן יום כיפור און ראש השנה... נאר פסח דארף כלל ישראל וויסן אז עס קומט, אנדערע ימים טובים דארף מען נישט צו וויסן, פונקט פסח? או הא, ווייסט יעדער אז עס קומט פסח... ווער עס האט נאר א טאטע און א מאמע מיט א ווייב, ווייסט אז עס קומט פסח... וואס דארף מען אונז דערמאנען אז עס קומט פסח?

[אגב, ער לייגט צו, אינעם ספר, עס איז ליקוטים, ער פלעגט אלס, פאר ער האט געענטפערט א תשובה, פלעגט ער אלס זאגן 'פיה פתחה בחכמה' און ער האט געזאגט עפעס א תורה דערויף, און נאכדעם האט ער אנגעפאנגן זאגן תשובות אויף די שאלות]

זאגט ער אזוי. עס שטייט אין די משנה 'באחד בניסן ראש השנה למלכים', זאגט די גמרא (ראש השנה ג) אז ניסן איז ראש השנה פאר מלכי ישראל, תשרי איז די ראש השנה למלכי אומות העולם. וואס איז פשט? אויף דעם זאגט ער אזוי. אונז האבן א קבלה אז איבעראל וואו עס שטייט אין די משנה אדער גמרא אויף א געוויסע טאג 'ראש השנה לאותו דבר' איז זה היום

עשה ה׳ בתחילת הבריאה, אז די טאג זאל זיין מיוחד ומסוגל אויף די זאך, און דער הייליגער באשעפער האט אריינגעלייגט א כח און קדושה אין די טאג אויף די זאך וואס חז״ל רופן עס ׳ראש השנה׳, עס זאל זיין שמור לדורות, אז ווען עס קומט די טאג אין יאר, זאל ער טון די פעולה על צד היותר טוב, אבער על פי התעוררות התחתונים. די טאג האט די סגולה, אבער עס דארף זיין התעוררות התחתונים [און אויף די סוגיא וועל איך רעדן א צווייטן מאל, אבער יעצט...].

זאגט ער אזוי, די חכמים האבן אריינגעקוקט אין פסוק, דער הייליגער באשעפער שרייבט מדיוק, החודש הזה לכם, חז״ל לערנען ארויס פון דעם אז אין די חודש, אין חודש ניסן, איז דא צוויי מיני התחדשות. איינס איז התחדשות השכל, ווייל אין די חודש ניסן איז עלה ברצונו הק׳ להטיב לברואיו ביתר שאת, איינע פון די זאכן וואס דער רבונו של עולם האט געטון אין חודש ניסן, להטיב לברואיו איז א גאנץ יאר, אבער ניסן איז דא א העכערע היטב לברואיו, א גרעסערע מדריגה אין דעם, ובפרט לבני ישראל עם קרובו.

אבער וואס גיבט דער אייבערשטער ספעציעל? להוסיף להם חכמה בינה ודעת, אין חודש ניסן איז דא אן הוספה פון חכמה בינה ודעת, שידעו, אז זיי זאלן וויסן, איך להתקרב אליו ית׳ בתורה ובמעשים טובים, וויאזוי זיך צו גענענטן צום אייבערשטן, בלב טהור ורוח נכון שיתחדש בקרבם, עס האט די סגולה, ולפרסם אלקותו יתברך בכל העולם בכל הברואים, די חודש האט א סגולה וואס דער הייליגער באשעפער איז מטיב לברואיו, צו מפרסם צו זיין אלקותו יתברך בכל העולמות ובכל הברואים, און דורכדעם וועלן זיי האבן נאך אן התחדשות, דאס איז התחדשות השני, זיי וועלן האבן חכמות התורה, וועט נתעורר ווערן ממקור העליון לחדש עליהם כל השפעות טובות ישועות ונחמות וואס מען דארף אויף א גאנץ יאר, די אלע ישועות וואס א איד דארף, די אלע השפעות טובות וועט קומען נאכדעם, דאס איז התחדשות השני, וירום קרנם על כל שונאיהם, וואס האב איך פון דעם אז איך האב אן התחדשות און התגברות אין תורה ומעשים טובים אין די חודש ניסן? אין עולם בלא מנהיג, ואין עם בלא מלך, דער הייליגער באשעפער איז גורם כפי רצונו, אם לטוב אם להיפך.

חז״ל זאגן דאך (אבות פ״ג) ׳הוי מתפלל בשלומה של מלכות׳ זאגט דער ברטנורא, אפילו מלכי אמות העולם, שאלמלא מוראו איש את רעהו חיים בלעהו. קומט אויס, אז אלע חיי ישראל איז תלוי אין די מלכי העולם, ניסן איז ראש השנה למלכים, די חודש איז מסוגל משׁשת ימי בראשית אז מען קען פועל׳ן פון השי״ת אז ער זאל מטה זיין לב המלכות ושריו ויועציו עלינו לטובה, שלא יבטלו אותנו מתורה ועבודה.

אין חודש ניסן האבן מיר א ספעציעלע כח אז מיר קענען מתפלל זיין ביים אייבערשטן, און אונז קען מיר פועל׳ן ביים אייבערשטן אז אלע גזירות פון די מלכי אומות העולם זאלן נייטן לטובה, אז גארנישט פון זייערע גזירות זאלן אונז נישט שטערן פון תורה און עבודה, יגזור עלינו גזירות טובות ישועות ונחמות, אז עס זאל קענען נתקיים ווערן תורה ומצוות, אז די מלכים זאלן זיין בידינו, און אונז נישט קענען שעדיגן

גארנישט. ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אם תהיו עבדים לה' באמת וגוי קדוש, וועלן ענק ממליך זיין מלכים כפי רצונכם, כי תיבת ממלכת איז א פועל יוצא לאחרים, ואתם תהיו לי ממלכת, ענק וועלן מאכן פרעזידענטן אין די וועלט...

לויט דעם, אז ווען עס ווערט אויסגעוועלט א פרעזידענט וואס טויג נישט, האבן מיר אונז אויסגעוועלט אין חודש ניסן, אזוי שרייבט ער.

ובזה יש להמתיק מאמרם, החודש הזה לכם, בי מלכים ימלוכו, ענק האבן די מלכים אין אייערע הענט, אין חודש ניסן, החודש הזה לכם ראש חדשים, ענק קענען מאכן די התחדשות מיט שכל, בהשכל ובחכמת התורה. החודש איז מוסיף, די חודש איז מוסיף, די שאלה איז, צו איר גייט דאס אויפפיקן. מען זאגט ניסן, מען הערט עס איז דא א חלוקה, ווער באקומט ביי די חלוקה? ווער עס גייט נעמען, ער דינגט א קאר, און ער ברענגט זיינע קינדער, ער באקומט די חלוקה. איך האב קיינמאל נישט געהערט אז איינער האט באקומען ביי די חלוקה אן גיין נעמען... דאס איז דאך א חלוקה, עס קאסט נישט געלט, מען דארף אבער א פיר קומען...

ממילא פארשטייט מען שוין, מלכי ישראל איז מניסן, ווייל די חידוש איז שייך לישראל היושבים ראשונים במלכות, דאס באלאנגט פאר אונז, אונז זעמיר בוחר מלכים אין ניסן, דאס זענען מלכים וואס כלל ישראל וועלט אויס, ראשון הוא לכם לחדשי השנה, דאס גייט ארויף אויף די צווייטע, נאכדעם איז דא ראשון הוא לכם לחדשי השנה, דאס גייט ארויף אויף די חידוש השני, אויף די חידוש החודש, לכם לכל צרכיכם, וואס מען דארף א גאנץ יאר, חיי הנפש הרוחני, חיי הגוף הגשמי, אלעס קען מען באקומען אין דעם חודש דורך חכמת התורה הקדושה. נאכמער, אפילו מלכי אומות העולם, וואס זייער ראש השנה איז אין תשרי, זיי וועלן נישט קענען צוריקהאלטן פון ענק די השפעות טובות, ווייל עס איז לחדשי השנה, וואס הייסט? השנה איז מרמז אויפן חידוש השנה, אויף ראש השנה, וואס דארט איז אויך דא א ראש השנה פאר מלכי אומות העולם, אז אפילו די מלכי אומות העולם וועלן מוזן מיטקומען מיט אונז. אז אונז קען מיר אין ניסן אוועקשטעלן.

שטעלט ער אוועק צוויי געוואלדיגע יסודות. די ערשטע יסוד איז געווען מענין לענין, ווייל דארט איז געווען די ענין פון תפילה, אז מען באקומט נישט פאר פריי, דא קומט רבי הירשלע און ער זאגט, דו האסט א געוואלדיגע חודש, דו פועלסט התחדשות בחכמה בינה דעת, בכח התורה, בחכמת התורה, בשכל, און אויך לכם לכל צרכיכם, און אויך די מלכי אומות העולם זאלן זיין בידכם, דו דארפסט עס נאר טון, עס איז שוין משֵשת ימי בראשית, דו דארפסט טון עפעס דערפאר.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו:
**gilynospm@gmail.com**

אור לנתיבתי

# די עיקר פון די סדר נאכט

## וואס דארף מען אויפטון אינעם סדר נאכט פאר די קינדער, אין קורצן?

די תשובה אויף דעם איז:

**א.**

כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח. מען דארף פארציילן פאר די קינדער יציאת מצרים. עס איז געווען א רשע מרושע, א קליפה טמיאה, א שלעכטע קעניג פרעה, וואס האט אונטערדרוקט כלל ישראל, ער האט געוואלט אז אידישע קינדער זאלן זינדיגן, מען זאל נישט זיין דבוק אינעם אייבערשטער. און דער הייליגער באשעפער האט געמאכט א גרויסע נס, און מיר זענען ארויסגעגאנגן פון מצרים מיט אותות ומופתים. און אידישע קינדער זענען אריינגעגאנגן אין א מדבר, וואו עס איז נישט דא קיין עסן, קיין טרינקן, און קיין קליידונג. נישט קיין הייזער און קיין געשעפטן (מען זאל עס גוט מסביר זיין).

אבער מען האט געלעבט מיט אמונה פשוטה, אז דער הייליגער באשעפער געבט אונז אלעס, און ער זארגט פאר אלעס, און דער הייליגער באשעפער פירט די גאנצע וועלט, און ער האט ליב אידישע קינדער, זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, און אונז האבן מקבל געווען די תורה הקדושה, און מיר זענען געווארן אן עם ישראל, אן עם סגולה.

**ב.**

און מען דארף מאריך זיין אין דעם און ארויסברענגען פאר די קידערלעך: שטענדיג איז דא פרעה'ס אויף די וועלט, און שטענדיג איז דא דער באשעפער וואס לייזט אונז אויס פון די אלע פרעה'ס.

**ג.**

און מען דארף אריינברענגען די אידישע שטאלץ פון זיין א איד. די אידישע שטאלץ פון נישט נתפעל ווערן פון די קליפה'ס, פון די אומת העולם, פון די נסיונות העולם.

**ד.**

אריינברענגען אין די קינדער א שמחה צו זין א איד, א געשמאק צו זיין א איד.

**ה.**

מאריך זיין אין די ענין פון אמונה פשוטה. ברענגען מעשיות פון די אלע גזירות וואס איז געוועןביים כלל ישראל, און וויאזוי דער הייליגער באשעפער האט אונז אויסגעלייזט פון די אלע גזירות.

**ו.**

אריינברענגען אן אמונה אין די ביאת הגואל, אין ביאת המשיח. אריינברענגען אין די קינדער די אמונה פשוטה אז משיח קומט שוין, און דאס איז אונזער האפענונג יעדע מינוט און יעדע רגע.

**ז.**

מען דארף אריינלייגן אין די קינדער דאס ענין פון אמונה און בטחון, פון דאנקן און לויבן דעם הייליגן באשעפער אויף יעדע מצב. דער

אייבערשטער איז מיט אונז. דער הייליגער באשעפער האט אונז ליב. און ארויסברענגען ווי שטארק מיר האבן ליב דעם הייליגן באשעפער, בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודיך.

## ח.

מען דארף אויך אריינברענגען אין די קינדער, די לעכטיגקייט פון די ימים טובים, פון שבתים. רעדן צו די קינדער פון די לעכטיגקייט, פון די שיינקייט, פון די תרי"ג מצוות, פון מנהגים און פון מסורה. אריינלייגן אין די קינדערליך, תורה איז משמח. די שענסטע און די גליקליכסטע מענשן אויף די וועלט, זענען אונז, אידישע קינדער. אריינלייגן אין די קינדער, אז תורה איז נישט קיין עול, עס איז א עול פון חירות. און מסביר זיין פאר די קינדער: אונז זענען טאקע בני חורין, פריי, אבער פריי פון די יצר הרע, פריי פון די אומות העולם, מיר זענען אבער משועבד צו עבודת השם, כי עבדי הם ולא עבדים לעבדים. מיר זענען דעם הייליגן באשעפער'ס עבדים, און דער הייליגער באשעפער'ס קינדער.

און מאכן זיכער אז די קינדער קומען ארויס פון די סדר נאכט מיט א געוואלדיגע אידישע שטאלץ, אינעם שם לשון און מלבוש, אז מען זאל זיך נישט שעמען מיט די אידישע נאמען, מען זאל זיין שטאלץ דערמיט. מען זאל רעדן די אידישע שפראך. און מען זאל גיין אנגעטון ווי א איד, און מען זאל צעשפרייטן אידישקייט. יעדע זאך וואס מיר טוען, דארף ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, אן השראת השכינה.

## ט.

אריינברענגען אין די קינדער די אמונה אין שכר ועונש.

## י.

מרבה זיין מיט דערציילן די ניסים וואס דער הייליגער באשעפער טוט פון יציאת מצרים עד היום הזה. און אויסרעכנען מיט די קינדער די גרויסע ניסים וואס אונזער משפחה האט געהאט. און מאכן די קינדער ארויסזאגן מיט די מויל 'דער אייבערשטער איז גוט. די תורה איז גוט. מיר זענען אן עם סגולה, מיר זענען אן עם חכם ונבון, מיר זענען קלוגע מענטשן'.

### י"א.

ארויסברענגען פאר די קינדער, די שיינקייט פון היטן די תורה, פון הארעווען אויף די מידות, פון הארעווען אויף שמירת עינים, אויף קדושה, אויף טהרת הדיבור, אויף טהרת המחשבה. די מערסטע וואס מען קען, לויט די גיל פון די קינדער.

### י"ב.

איינע פון די וויכטיגסטע זאכן פון די סדר נאכט איז, אז די קינדער זאלן זען ביים טאטען ווען ער זאגט די הגדה, א קדושה, אן ערנסקייט, און א געוואלדיגע התרגשות, א שמחה און א דערהויבנקייט, און א געשמאק. יאג נישט, זיי נישט אויפגערעגט, א פרייליכע זיסע אידישקייט, אנגעפילט מיט אמונה פשוטה און הרגישים פון קדושה, אז די קינדער זאלן פשוט שפירן גליקלעך ביי זיך, אז מען איז א איד, גליקלעך מיט די תורה, גליקלעך מיטן הייליגן באשעפער. און זיי זאלן זיך בענקן צו אידישקייט, צו תורה עבודה ויראת שמים. מיט א געוואלד אמונה פשוטה.

דאס איז די עיקר פון די סדר נאכט.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |
**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691
| **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500